# עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** די הייליגע תורה איז מסביר די וואך די שכר וואס א איד באקומט פאר טון מצוות. ווייסט מען אז די עיקר שכר וועט מען באקומען אין עולם הבא. אזוי ווי רש"י זאגט לעצטע וואך סוף פרשה "היום לעשותם. – ולמחר לעולם הבא ליטול שכרם." ד"ה, אין די וועלט דארף מען טון די מצוות און אין עולם הבא גייט מען באקומען די ריכטיגע שכר. צוליב דעם דארף יעדער בעל שכל ארייננכאפן אין די וועלט אויסצונוצן יעדע רגע צו דינען דעם אייבערשטען.

די פאלגענדע מעשה ווייזט ווי איין איד איז געקומען צו פארשטיין דעם וויכטיגקייט פון אויסנוצען יעדע רגע אין לעבן. דער מעשה הייבט זיך אין די שווערע טעג פון דער צווייטער וועלט מלחמה. ביים אנהייב פונעם מלחמה זענען אסאך פוילישע אידן אנטלאפן קיין ליטע. צווישן יענע אידן וואס זענען געקומען קיין ליטע אין יענע טעג איז געווען דער הימעל משפחה, וואס איז געווען א פרומע משפחה. דער טאטע פון דער משפחה, וואס איז געווען א רב, האט אוועקגעשיקט זיין יונגע טאכטער וואס האט געהייסן "טויבע אסתר", קיין ענגלאנד. א יאר צוויי שפעטער, האט טויבע אסתר געהערט אז די רוסישע ימ"ש האבן איינגענומען ליטע. דאן א יאר שפעטער האבן די דייטשע ימ"ש איבערגענומען קאנטראל פון די רוסישע.

דאס מיידל טויבע אסתר האט זיך פארגעשטעלט אז אירע עלטערן זענען נעבאך אומגעקומען. באמת, אבער איז די הימעל משפחה אוועקגעשיקט געווארן דורך די רוסישע קיין סיביר, בעפאר די דייטשע רשעים זענען בכלל אריינגעקומען. כאטש אפילו סיביר איז געווען א געפערליכען פלאץ, איז עס נאך אלץ בעסער געווען צו זיין דארט ווי צו זיין אין ליטע אינטער די דייטשע חיות, ימ"ש.

אבער, טויבע אסתר האט גארנישט געוואוסט וואס איז געשען דעמאלט צו אירע משפחה. זי איז געווען נעבאך אינגאנצן אליינס אין ענגלאנד, און זי איז אויפגעוואקסן צווישן גוים, ה"י. אפאר יאר נאך די מלחמה איז טויבע אסתר געווארן פארהייראטעט מיט איינעם, און זי איז געגאנגען וואוינען מיט אים אין הולאנד, פון וואו ער האט געשטאמט. זיי האבן געהאט איין זון, וואס זיי האבן גערופן "טשיזבארט" (זיין עכטע נאמען). טויבע אסתר האט שוין נישט געהייסן טויבע אסתר, נאר, זי האט גענומען דעם נאמען "עלא," און זי האט באהאלטן אירע אידישקייט. אירע זון "טשיזבארט" האט אפילו נישט געוואוסט אז ער איז א איד. טשיזבארט איז געגאנגען צו א קאטולישע סקול, רח"ל.

טויבע אסתר האט געהאט ברידער וואס האבן איבערגעלעבט די מלחמה. איינער פון אירע ברידער, וואס איז ב"ה געבליבן פרום, האט געוואוינט דעמאלט אין אמעריקע. יענער ברודער איז געווארן אריינגעטון און זוכן זייערע פארלוירענע שוועסטער טויבע אסתר. סוף כל סוף נאך אפאר יאר פון זוכן, האט יענער ברודער געטראפן טויבע אסתר אין הולאנד. דער ברודער איז אריינגעקומען אין טויבע אסתר'ס הויז מיט א גרויסע טומעל. זיין שוועסטער האט געלעבט! נאך אזוי סאך יארן! זיין איינציגסטע שוועסטער!

דער ברודער איז אבער פארשטייט זיך זייער אנטוישט געווארן צו זען אז זיין שוועסטער לעבט אזוי, אזוי ווייט פון אידישקייט. א טאכטער פון א רב! אה! דער ברודער האט געמאנט פון טויבע אסתר אז זי זאל נעמען דעם קינד טשיזבארט און גלייך אנטלויפן פון דארט מיט אים. טויבע אסתר האט נעבאך נישט מסכים געווען. איר ברודער, האט פארלאזט איר הויז מיט גרויס כעס און צובראכענקייט, זעענדיק אז זיין שוועסטער איז נישט מסכים 'אהיימצוקומען.' ער איז ארויסגעגאנגען, פארמאכענדיג די טיר מיט א שטארקען טראסק. ווען טשיזבארט איז אהיימגעקומען יענע טאג פון סקול, האט ער געזען אז זיין מאמע וויינט.

אפילו טויבע אסתר האט נישט געוואלט פארלאזן איר היים, האט זי געזאגט צו איר מאן אז זי וויל נישט מער שיקן טשיזבארט צו א קאטולישער סקול, וכו'. אבער, זי האט נאך נישט אנטפלעקט צו טשיזבארט אז זי איז אידיש, און ער איז א איד. טשיזבארט האט גארנישט פארשטאנען, ווייל ער איז געווען דעמאלט צו יונג. ווען אבער אפאר יאר שפעטער טשיזבארט איז געווארן צוועלף, האט טויבע אסתר מגלה געווען צוויי זאכן צו איר זון: איינס אז ער איז א איד, א חלק פונעם פאלק וואס איז געשטאנען ביי הר סיני ביי קבלת התורה. דאן האט זי דערציילט די צווייטע זאך, אז זי איז נעבאך געווארן לעצטענס זייער נישט געזונט, ל"ע.

"וואס מיינט דאס אלעס?" האט טשיזבארט געפרעגט זיין מאמע, וואס האט געוויינט פון התרגשות. "דאס מיינט, אז דער ג–ט פון מיינע אבות דערצערנט זיך אויף מיך ווייל איך האב געדרייט מיין ריקן אויף מיינע רעליגיע. אבער איך גיי צוריקקערן צו אים (צום רבונו של עולם) און ער וועט מיך היילן!" האט זי געענדיגט רעדן. טשיזבארט האט נאכאלץ נישט פארשטאנען אלעס. ער האט פארשטאנען אז זיין מאמע פילט נישט גוט, ל"ע, אבער ער האט געגלייבט אז זי וועט האבן א רפואה שלימה. "דער באשעפער איז א 'קל חנון ורחום', און ער וויל אז מען זאל תשובה טון." זי האט זיך אבער נישט אפגעטיילט פון איר מאן און זי האט נישט געטוישט איר לעבן אינגאנצן.

בערך א האלבע יאר שפעטער איז טויבע אסתר נפטר געווארן. לויט וואס זי האט געהייסן, האט מען איר באגראבן אין א אידישע בית החיים. טשיזבארט איז געווארן עלטער. ער האט געדענקט אז זיין מאמע איז געווען אידיש, אבער וויבאלד אז ער האט געוואוינט צווישן גוים, האט ער נעבאך בכלל נישט געטראכט וועגן זיין אידישקייט. ער האט געענדיגט סקול און ער איז געווארן א קינסטלער. ער האט געארבעט אין תיפלות מתקן זיין די דעזיינס אויף די ווענט. איין טאג האט איינער פון זיינע חברים, א גוי, אים גערופן פון ארץ ישראל. יענער גוי האט געארבעט אויף א "קיבוץ," א 'פרייע' פארם אין ארץ ישראל. דער גוי האט גערופן טשיזבארט צו קומען ארבעטן אויף דעם קיבוץ. א שטיק צייט שפעטער איז ער טאקע אנגעקומען קיין ארץ ישראל. ער האט געשפירט עפעס אין זיין הארץ, אבער ער האט נישט געוואוסט וואס... המשך יבוא.

לאמיר יעצט נעמען דעם געלעגענהייט צו רעדן וועגן דעם נייעם קרן וואס הייסט "אלפי מנשה," נאך דעם חסיד הרב ר' מנשה יחזקאל גאלדקלאנג ז"ל, וועמענ'ס ערשטען יארצייט קומט פאר כ"ט מנחם אב. עס איז נישט שייך צו באשרייבן דא אין קורצען דעם גדלות פון אזא חשובען איד, ע"ה, אבער עס פאסט דא צו רעדן אביסל וועגן דער התייסדות פונעם נייען קרן "אלפי מנשה." דער נייער קרן ווערט געגרינדעט דורך אונזער חשובן גמ"ח זכרון יעקב. "אלפי מנשה" איז א גמ"ח וואס בארגט קלענערע סכומים אויף קורצע זמנים, אנע 'ערבים.' דער קרן דערמעגליכט אז יונגעלייט קענען זיך 'אן עצה געבן' אן מען זאל דארפן ארומלויפן זוכן ערבים, וכו'. באמת איז דער קרן אנגעפירט געווארן דורך ר' מנשה יחזקאל, ע"ה אין זיין לעבן. און יעצט וועט דער קרן אפיציעל הייסן נאך זיין נאמען, ד"ה "אלפי מנשה." יעדער איינער קען האבן א חלק אין דעם גרויסן מצוה, מיט געבן כאטש $180 צו דעם קרן. יעדער איינער איז אויך איינגעלאדענט צום "טיי אווענט" וואו מען וועט מאכן א סיום הש"ס לע"נ מנשה יחזקאל. די מסיבה קומט פאר דינסטאג נאכט פרשת שופטים.

דער אייבערשטער זאל טאקע העלפן אז דורך דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה, זאלן מיר אלע זוכה זיין צו די ברכה "ברוך תהיה מכל העמים..." **גוט שבת אלע אידן.**

<u>מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת נשואי נכדו יצחק נ"י בן בנו הרה"צ רבי אהרן מנחם מענדל שליט"א בשעטומ"צ</u>

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה